# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בא, ו' שבט, שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 19 (433)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:57
מוצאי שב"ק......................6:25

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........דברי הימים-א ב'-ג'
בבלי.......................ברכות כ"ט
ירושלמי...............עירובין נ"ט
תוספתא....................אהלות ז'
רמב"ם......................עבדים ו'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אֹתוֹ

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ צַדִיק אִיז; אַ צַדִיק אִיז בַּיי זִיךְ בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז אֵיינְמָאל וָוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, הָאט אִים דֶער בַּעַל הַקְרֶעטְשְׁמֶע גֶעוִויזְן אַז עֶר הַאלְט דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוּנְטֶערְן טִישׁ. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵד אוּן עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר מִיטְן דָאס אוּנְטֶערְלֵייגְן אוּנְטֶערְן פִיסְל פוּנֶעם טִישׁ. וָוען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא צִי עֶר וֵויסְט וֶוער דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן דֶעם סֵפֶר אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, אִיךְ וֵויס וֶוער עֶר אִיז", הָאט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים עֶפֶּעס פַארְצֵיילְן פוּן אִים, הָאט אִים דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע גֶעזָאגְט: "אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וָוען דוּ זָאלְסְט וָוען נֶעמֶען דֶעם בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר אוּן אִים אַלֵיינְס לֵייגְן אוּנְטֶערְן טִישׁ, וָואלְט עֶר גֶעשְׁוִויגְן אַזוֹי וִוי דֶער סֵפֶר שְׁוַוייגְט, פוּן גְרוֹיס עֲנָוָה".

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, יֶעדֶעס מָאל וָוען דִי רֶעבִּיצִין אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁפִּיטָאל פַאר אַ קִינְד, פְלֶעגְט עֶר מִיט נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוּנְטֶער צוּ לֵייגְן אוּנְטֶער אִיר קָאפּ; כַּיָדוּעַ אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ חוֹלֶה אוּן פַאר אַ יוֹלֶדֶת אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם. אֵיינְמָאל הָאט דִי רֶעבִּיצִין גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ פַארְוָואס עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן? הָאט אִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעעֶנְטְפֶערְט: "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָאבּ אִיךְ אִין מִיר, אַז מֶען וֶועט מִיר אוֹיף שְׁנַיידְן וֶועט נִישְׁט קוּמֶען קַיין בְּלוּט, נָאר עֶס וֶועט אַרוֹיס רִינֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן"; פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַזוֹי סַאךְ מָאל אַז עֶר הָאט עֶס גֶעהַאט אִין דִי בְּלוּט; מֶען הָאט גֶעזֶען בְּחוּשׁ וִוי לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן לִיגְט אִים אִין דִי בְּלוּט, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁנִיטְן מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט נָאר רִינֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בְּרִיוּו, שִׁיעוּר, תּוֹרָה, שְׁמוּעֶס, וְכוּ' - אָן דֶערְמַאנֶען דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדֶע פָאר וֶוערְטֶער אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש'ס מוֹיל: "דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן". צְוֵוייטְנְס, אַז אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ אַ רֶבִּי, אִיךְ אָטֶעם דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן מַיין לֶעבְּן פַאר דֶעם רֶבִּי'ן וְכוּ' וְכוּ', דָאךְ נֶעם אִיךְ דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַאר אַ סְגוּלָה אוּן פַאר אַ שְׁמִירָה.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַפְלִיא גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ. וָוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַאר'ן רֶבִּי'ן הָאט דָאס דֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג בַּאוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנג): "וִוי גְרוֹיס דֶער סֵפֶר אִיז - אִיז דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר נָאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער". נָאךְ אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז אֵיינֶע פוּן דִי אַכְט זְקֵנִים וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג - פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג), וִוי אִיטְלִיכֶער הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט מִיט זֵייעֶר זִכָּרוֹן וְכוּ', אַז אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶען זָאל זֶען בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים; מֶענְטְשְׁן קוּמֶען פוּן אִיבֶּעראַל נֶעמֶען בְּרָכוֹת אוּן דוּ וואוּנְטְשְׁט זֵיי אָן בְּרָכוֹת פַאר שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט אוּן פַאר קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מַאכְסְטוּ דָאס?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַּאסִירְן דִי גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים".

דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי צַדִיקִים, וִוי זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וַוייל אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יְשׁוּעוֹת בְּכָל עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשע"ז)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט

ס'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. עֶס אַרְבֶּעט פַארְקֶערְט, דִי וֶועלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַיינְצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶּער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי וֶועלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגְל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט וִוי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צֶעווִילְדֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען וִוי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, אוּן דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין אוּן צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, אוּן אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל - מֵחֲבֵרוֹ", דָאס וָואס אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר אִיז אַ גָדוֹל; דָאס קוּמְט וַוייל "מֵחֲבֵרוֹ", עֶר הָאט אַ גוּטֶער חַבֵר. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, "יִצְרוֹ גָּדוֹל - הֵימֶנּוּ", דֶער וָואס הָאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע יֵצֶר הָרַע, דָאס אִיז וַוייל עֶר הַאלְט נָאר פוּן זִיךְ – "הֵימֶנּוּ", עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע חֲבֵרִים. זוּךְ אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גוּטֶער חַבֵר אוּן מִיט אִים זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵק זַיין, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשי"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וְוִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט חִיזוּק פוּן דִי בְּרִיוו אוּן פוּן דִי שִׁיעוּרִים; אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת זֶעט מֶען אַז נָאר דֶער רֶבִּי קֶען שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע: "וְוִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה?" דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן דַאוְונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְלָאזְן צַייט אַרוֹיסְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא. אַרְבֶּעטְן פוּן צֵאת הַחַמָּה בִּיז צֵאת הַנְשָׁמָה, אָן קַיין דַאוְונֶען, אָן קַיין לֶערְנֶען, אָן קַיין מִקְוֶה אוּן אָן קַיין הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז נִישְׁט קַיין הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה, עֶס אִיז קֵיין פַּרְנָסָה נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דַיין נֵייעֶ בִּיזְנֶעס. נֶעם אַרַיין דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַ שׁוּתָּף וֶועסְטוּ גָאר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין; גֶעבּ דַיין מַעֲשֵׂר, דַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הֶעלְף פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פַאר נָאךְ אִידְן - וֶועסְטוּ שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תש"פ)

>>>>>>

אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת וֶועמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶּער, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁחְט דֶעם אָקְס, דַאן וֶוערְט מֶען גֶעוְואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט ווִיסְן וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס יָארְן, וֶוען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעוְואוֹיר וֶועט עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן "עוֹלָם". דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "הַעֲלָמָה", וָואס דָאס מֵיינְט "בַּאהַאלְטְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן "בַּאהַאלְטְן" מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעוְואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם "עוֹלָם". פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן.

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוְואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאוִיקְלֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶתְ'ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ'ס אוֹיגְן, אוּן דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייניג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל מִיט דִי אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג דֶערְמָאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ז) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קַיין חִילּוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילּוּק ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קַיין חִילּוּק ווִי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְּן, וואוּ עֶר ווִיל אַלְס אָנְקוּמֶען. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען ווִי זַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְבֵיקוּת)

# די לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (נה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גייט באזוכן אין שטאט טבריה.**

**רמז**

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע הָאט גֶעשִׁיקְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ צוּם רֶבִּי'ן, אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּיי אִים הַיינְט אַ יוֹם הַקָזָה, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, דֶערְפַאר קֶען עֶר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין גֶעבְּן שָׁלוֹם פַאר'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְטפֶערְט אַז עֶר הָאט סַיי וִוי גֶעוָואלְט גֵיין צוּ אִים, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.

דֶער צַדִיק הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד, מִיט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט. מְ'קֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פְרַיינְטְשַׁאפְט אוּן לִיבְשַׁאפְט וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע הָאט גֶעהַאט מִיט'ן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט אַיינְצוּשְׁטֵיין, עֶר וֶועט אָבֶער קוּמֶען אוֹיף אֵיין שַׁבָּת צוּ אִים. אוּן דֶערְנָאךְ אִיז הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּ זַיין אַכְסַנְיָא.

**רמח**

צוּמָארְגְנְס, דָאנֶערְשְׁטָאג, הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם רֶבִּי'ן אִים צוּ לַאדֶענֶען אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת, וָואס אִיז גֶעוֶוען פַּרְשַׁת נֹחַ, אַז עֶר זָאל קוּמֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת.

**רמט**

דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת נֹחַ בַּיי רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט דֶער רֶבִּי אָראפְּגֶעבּוֹיגְן זַיין קָאפּ אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אַז עֶר זָאל אִים בֶּענְטְשְׁן, דֶער צַדִיק אִיז אָבֶער צוּרִיק גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פִיר אֵיילְן מִיט אַ גְרוֹיסֶער צִיטֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט עֶפֶּעס מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אָבֶער מְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְכַאפְּן וָואס עֶר זָאגְט, אָבֶער בַּיים סוֹף הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר פִירְט אוֹיס, "וִוי אַזוֹי זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע?!", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בֶּענְטְשְׁן דֶעם רֶבִּי'ן. אָבֶער דֶעם רֶבִּי'ן בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, הָאט עֶר יָא גְלַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוען עֶר אַיינְגֶעבּוֹיגְן זַיין קָאפּ.

בַּיי דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דֶער צַדִיק הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן עֶר זָאל זָאגְן תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אַלֵיין גֶעזָאגְט תּוֹרָה. דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי מִיטָאג סְעוּדָה וֶוען עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן תּוֹרָה אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אוּן דַאן הָאט עֶר אַלֵיין גֶעזָאגְט תּוֹרָה. אוּן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאט זִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט וֶוען דֶער צַדִיק הָאט ווִידֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אוּן דֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה.

דֶער סֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער צַדִיק פְלֶעגְט זָאגְן תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת, מְ'הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט נָאר אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, "דָאס אִיז דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ".

דֶער רֶבִּי הָאט גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיין תּוֹרָה, זָאגְנְדִיג אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזוֹינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט. [דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ צַדִיקִים, אָבֶער שְׁלֵימוּת הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע"].

**רנ**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא.

**רנא**

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט אִינְאֵיינֶעם אִינֶעם רֶבִּינְ'ס צִימֶער.

**רנב**

נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי אִיז דֶער רֶבִּי פַארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בֶּעט, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ פִּדְיוֹן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע, אוּן יֶעדְן טָאג אִיז דֶער צַדִיק גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע אַהֲבָה אוּן לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן זֵיי.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## זָאל אִיךְ צוּרִיק גֵיין אִין יְשִׁיבָה נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן כִּמְעַט 19 יָאר, אוּן מַיין יְשִׁיבָה הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן וַוייל אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן זֵיי לָאזְן מִיר נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען נָאר אוֹיבּ אִיךְ בְּרֶענְג פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, קוֹדֶם אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט, אוּן בִּכְלַל לֶערְן אִיךְ שׁוֹין אִין דִי יְשִׁיבָה שׁוֹין קָרוֹב צוּ צְוֵויי אוּן הַאלְבּ יָאר, אוּן אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט גֶעשְׁטִיגְן דָארְט, נָאר גֶעפַאלְן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן יֶעדֶע פָּאר וָואכְן מַאכְט מֶען מִיר דָארְט מְשׁוּגָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוֹיסֶער דֶעם וָואס אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן סְתָּם אַזוֹי פוּן וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ וָואס קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט. וֶוען אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען יֶעצְט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואלְט אִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ (כָּשֵׁר'עֶ) טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה, אוּן אִיךְ וָואלְט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל צוּרִיקְגֵיין אוּן בַּאצָאלְן, אוּן זִיךְ וַוייטֶער אַרוּמְשְׁפִּילְן מִיט זֵיי וִוי אִין נוּרְסֶערִי, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אִין כּוֹלֵל זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, בֶּעט אִיבֶּער דַיינֶע מַגִידֵי שִׁיעוּרִים אוּן מְנַהֲלִים; נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ הַאלְטְן דִי זְמַנִים וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט אִין יְשִׁיבָה, וֶועט מֶען דִיר צוּרִיק נֶעמֶען. מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן אִינְמִיטְן סֵדֶר; אַז מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ מִסְגֶרֶת, אִין אַ כּוֹלֵל אָדֶער יְשִׁיבָה, קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען אוּן גֵיין וֶוען מֶען וִויל אוּן וואוּ מֶען וִויל, מֶען דַארְף הַאלְטְן דִי סְדָרִים, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְנוּצְן דִי יָארְן מִיט הַתְמָדַת הַתּוֹרָה? יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען אָן קַיין שְׁטֶערוּנְג; אֱמֶת טַאקֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ בָּחוּר, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, דֶער יֵצֶר הָרַע פְלַאקֶערְט אוּן בְּרֶענְט מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט יֶעדֶע רֶגַע, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶענְסְטוּ יֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְסַדֵר זַיין מִיט אַ גוּטֶע סֵדֶר אוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין וְכוּ' - קֶענְסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא– שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, מִיט רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ; דֶער הֵיילִיגֶער מְחַבֵּר פַּסְקֶ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָה– הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶכֶת בְּרָכוֹת הוֹיבּ אָן מַסֶכֶת פֵּאָה נָאכְדֶעם מַסֶכֶת

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע
נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908



>>>>>>

דְמַאי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, דוּ לֶערְן וַוייטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, מִיט דִי צַייט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן דַיין קָאפּ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִּיד פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ' אַלֶעס בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַמָאל מֶער, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת פְלֶעגְט זִיךְ דֶער מַגִּיד בַּאוַוייזְן צוּ אִים, אַזוֹי וִוי דֶער בֵּית יוֹסֵף בְּרֶענְגְט (סֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים מִשְׁלֵי סִימָן כג, עָמוּד קסג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת בַּמִּשְׁנָיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ' פְּרָקִים", אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִּיד צוּ אִים בַּאוִויזְן; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִימוּד גְּמָרָא, חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): "גְּמָרָא גְמוֹר זְמוּרְתָּא תְּהֵא"; זָאגְן אוֹיף דֶעם צַדִּיקִים "גְּמָרָא גְמוֹר" – אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט גְמָרָא, דֶעמָאלְט "זְמוּרְתָּא תְּהֵא" – וֶועסְטוּ פַארְשְׁנַיידְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמֶען אַרוּם דִי נְשָׁמָה הַקְדוֹשָׁה. וַוייל "זְמוּרְתָּא", אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן: "לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקוֹצִים הַסּוֹבְבִים אֶת הַשּׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה", וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל; אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְן אַלֶע קְלִיפּוֹת פַארְבְּרֶענְט.

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג נָאר דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו): "אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה'", אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן; אַנְשְׁטָאט זָאגְן: "וְאָהַבְתָּ אֵת ה'" מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר: "וְאָיַבְתָּ אֵת", מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): "וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה", אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס מִיט גְרַייזְן, עֶר זָאגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס מֶען דַארְף וֶוען זָאגְן, אַזוֹי בַּאלִיבְּט אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

זוּךְ זִיךְ נִישְׁט קַיין מִצְווֹת אִין דִי צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (זֶרַע קוֹדֶשׁ, פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים) וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען ווִיל עֶר אִים שְׁטֶערְן, דֶער יֵצֶר הָרַע צִיטֶערְט פוּן זַיין לֶערְנֶען וַוייל דוּרְךְ תּוֹרָה וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרַע בָּטֵל וּמְבוּטָל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "אִם אֶבֶן הוּא", אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי שְׁטֵיין, "נִמּוֹחַ", וֶוערְט עֶר צֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ תּוֹרָה, "וְאִם בַּרְזֶל הוּא", אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי אַייזְן, "מִתְפּוֹצֵץ", דוּרְךְ תּוֹרָה וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרַע צֶעבְּרֶעקְלְט, דֶערִיבֶּער ווִיל דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זי"ע: "לָכֵן מַזְמִין לוֹ אֵיזֶה מִצְוָה", דֶערִיבֶּער בְּרֶענְגְט דֶער יֵצֶר הָרַע פַאר'ן מֶענְטְשׁ מִצְווֹת, "כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יְקָרֵר אֶת עַצְמוֹ מֵהִתְלַהֲבוּת וְלֹא יָבוֹא לַעֲשׂוֹת דָּבָר גָּדוֹל יוֹתֵר טוֹב", דוּרְךְ דִי מִצְוָה קִילְט עֶר אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, "כִּי יִסְבֹּר שֶׁכְּבָר הוּא טוֹב בְּהַמִּצְוָה הַזֹּאת", דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען וַוייל אִיךְ טוּ דָאךְ אַנְדֶערֶע מִצְווֹת', עַיֵּין שָׁם. דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אַלֶעס אִיז מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, אַבִּי אִים צוּ שְׁטֶערְן עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען.

גֵיי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים; דוּ קֶענְסְט זֵיי וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו זֵיי זָאלְן זֶען אַז דוּ מֵיינְסְט עֶס טַאקֶע עֶרְנְסְט, אַז דוּ גֵייסְט פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער מִיט הַאלְטְן דִי סְדָרִים אִין יְשִׁיבָה אוּן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַז דוּ ווִילְסְט טוּן חֶסֶד, גֵיין אִין שְׁפִּיטָעלֶער בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל – זָאלְסְטוּ דָאס טוּן נָאכְן סֵדֶר הַיְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תש"פ)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# בית פיגא ברסלב טוט פארשטעלן:

# "דער בערגער און דער ארעמאן"

אין די יעצטיגע טעג קומט פאר העפטיגע צוגרייטונגען צו די הערליכע פארשטעלונג וואס וועט אהערגעשטעלט ווערן דורך די תלמידות פון סקול "בית פיגא ברסלב".

אין לויף פון די יארן האט די סקול שוין אויפגעשפילט גאר שיינע פארשטעלונגען פון די מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, אבער דאס מאל אנטשפרעכט עס צו זיין גאר א פראפעסינאלע געלונגענע פלעי, וואס וועט האלטן געשפאנט די צושויער און זיי באגלייטן אויף ווייטער פאר א לאנגע צייט.

די פארשטעלונג וועט זיין פון די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, מיט'ן נאמען "דער בערגער און דער ארעמאן", וואס איז די צענטע מעשה אינעם הייליגן ספר "סיפורי מעשיות".

די מעשה פאר זיך איז גאר א דראמאטישע ערציילונג, פונעם רייכן סוחר (בערגער) וואס האט זיך משדך געווען מיט אן ארעמאן, ווי אזוי די חתן און כלה זענען צעטיילט געווארן, די שווערע מיטמאכענישן וואס זיי ביידע זענען דורכגעגאנגען פאר לאנגע יארן, ביז צו די פרייליכע ענדע ווען זיי האבן זיך ענדליך צוזאמגעטראפן און גליקליך חתונה געהאט. אין לויף פון די סצענעס וועט מען מיטהאלטן לעבעדיג די פרייליכע און טרויעריגע מאמענטן, אנגעצויגענע און רואיגע מצבים, און זען ווי אזוי אמונה און תפילה באגלייטן יעדן איד דורך די שווערסטע אומשטענדן.

די פלעי וועט פארקומען אי"ה אין די זאלן פון עדן פאלאס אין וויליאמסבורג אויף 420 פלאשינג עוועניו, דעם קומענדיגן זונטאג פ' משפטים (Feb. 16) אום 2:00 אזייגער נאכמיטאג און אום 8:00 ביינאכט, און אויך אום מאנטאג פ' משפטים (Feb. 17) אום 8:00 ביינאכט. מ'קען שוין קויפן טיקעטס דורכ'ן אריינרופן אין אפיס פון די סקול אויף 718-384-1652 עקסטענשאן 201.

עס איז ערווארטעט גאר א גרויסע באטייליגונג פון הונדערטער פרויען און מיידלעך, מ'זאל זען צו קויפן באצייטנס די טיקעטס זיך צו פארזיכערן א פלאץ.

**לבית יעקב אלו הנשים!**

***

# הצלחה'דיגער טיי אוונט פאר'ן כולל היכל הקודש

דעם מאנטאג איז פארגעקומען א טיי אוונט אין שטוב פון מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו, לטובת די כולל היכל הקודש אין וויליאמסבורג, וואו אינגעלייט וואס תורתם אומנתם זיצן און לערנען פלייסיג און זענען זיך משלים בש"ס ופוסקים ובהוראה. א שיינער עולם האט זיך משתתף געווען און זיך אנגערופן מיט ווארעמע סכומים, אז דער כולל זאל ווייטער קענען אנגיין מיט א שטארקייט.

דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען ביים טיי אוונט און ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון לימוד התורה וואס האלט דעם מענטש אין יעדן מצב, און דאס זעט זיך ספעציעל אן אין די עלטערע יארן; איינער וואס האט געהאט א שיעור אין תורה יעדן טאג, ווען ער קומט אין די עלטערע יארן, ווען ער ארבעט שוין נישט, לעבט ער ווייטער מיט די הייליגע תורה און ער האט א געשמאקע לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, ווידער איינער וואס איז נאר געווען פארנומען זיין גאנץ לעבן נאכצולויפן געלט, ער האט נישט געלערנט קיין תורה, ווערט ער פארשווארצט אין די עלטערע יארן, ער פארלירט זיין טעם אין לעבן.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**


# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

# בחורישע מעשיות

**הערט ווי בחורים דערציילן זייערע פערזענליכע איבערלעבענישן, גאר אינטערעסאנט און באלערנד,**

הערט און האט הנאה:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 7, 2, 1**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**